דעם 8טן מיי 1968

ליבער כאסקל:

איך שרייב דיר א בריוול אויף "הערינג-פאפיר" ווייל איך האב ניט גענוג זיצפלייש צו שרייבן א מגילה. סיי ווי האב איך הנאה צו פילן אז איך בלייב דיר עפעס שולדיק.

באקומען א בריוו פון מר. גוטהאף פון דער פרץ-שול. ער האט מיר פארגעלייגט אז איבער א יאר זאל איך איבערנעמען די שולע. כ'האב אים אויף א פיירלעכן אופן אפגעזאגט. ניט איך וויל דאס ניט איך דארף דאס. כ'האב מספים געווען צו לערנען קלאסן (משך פון דער וואך (2) און איינעם זונטיק אין דער פרי, נאר אויף מער בין איך ניט איינגעגאנגען. כ'האב אים אויך געשריבן אז איך גיב דיר דעם ערשטן אויס-ווייל וועלכע קלאסן דו ווילסט לערנען. אנהייב סעפטעמבער וועלן מיר מוזן זיך אוועקזעצן און פלאנירן דעם לערנקורס פאר די פארשיידענע קלאסן. כאטש דער ענין איז א מוראדיקער בלאף, מוזן מיר אים נעמען ערנצט. דערווייל פרווו איך קלייבן לערן-מאטעריאלן אויף העברעיש.

ווידער שטיי איך אין א פארלעגנהייט. עס קומען פאר ממש היסטארישע פארלויפעגישן נאר אז איך באשרייב זיי ניט אויף דער הייסער מינוט פארליר איך דעם חשק בכלל וועגן זיי צו שרייבן. דא קומען טאקע פאר געשעענישן וואס "גיבן א צינד אונטער" ווי דו שרייבסט. אזא טאג איז געווען פאר אכט טאגן מיטוואך. א גאנצן טאג האט דאס לאנד געטרויערט. דא הייסט עס יום הזכרון, נאך די איבער זיבן טויזנט יידישע זעלנער וואס זענען געפאלן אין קאמף קעגן אראבער. דער אמת איז אז איך האב זיך א ביסל געבונטעוועט קעגן דעם, ווייל ערשט מיט א וואך פריער האבן מיר געטרויערט נאך זעקס מיליאן, און ניט-ווילנדיק אפילו, פארגלייכט מען ביידע אינעם מוח. ~~כאה~~ יעדער פארגלייך פון דעם שניט איז א חילול השם. איצט פארשטיי איך שוין אז מיין ציטערן איז געווען ניט-בארעכטיקט. ביידע טרויערטעג טראגן א באזונדערן כאראקטער און דינען צוויי פארשיידענע צוועקן. אויף יום-הזכרון קומען פאר פארזאמלונגען אויף די בית הקברות און מע לייגט בלומען-קראנצן אויף די קברים פון אייגענע. די סצענעס זענען גרויזאם. עס קומען מאמעס מיט פאטאגראפיעס פון זייערע זין און באוויינען זיי בציבור א גאנצן טאג. מע קען פון זינען אראפ. אין מיטן שטאט האט מען אויפגעשטעלט א נר-תמיד אויף א בימה און פיר מענטשן שטייען וואך. דו קענסט זיך גארניט פארשטעלן די גלשפאנטקייט פונעם טאג. מע ווייס אז מע מוז טרויערן און מע פילט דעם עול פון די יונגע קרבנות (צוויי מאל אין טאג בלאזט א סירענע פאר א מינוט שווייגן). פון דער צווייטער זייט איז די שטימונג א פייערלעכע ווייל אט אט הייבט זיך אן די גרעסטע שימחה פונעם יאר. יידן לעבן דאך תמיד אין א ראנגלעניש צווישן אומקום ~~אויף~~ אין ווידער-אויפבוי, און דער טאג איז א פארקערפערונג פון אט דער צושטאנד. דער פרינציפ איז ניט קיין נייער: פאר פורים פאסט מען צום גדליה. ווען ניט דער טאג פון דערמאנונג וואלט יום העמצאות פארוואנדלט געווארן אין א העדאניסטישער ארגיע. ווי עס איז, איז די פייערונג א יענער-וועלטיקע. אויף דער וועלט דערלויבט מען זיך ניט אזוי פיל עולם-הזהדיקייט. נאך אכט א זייגער פארן שוין ניט קיין אויטאס אין צענטער פון שטאט. ניין א זייגער זענען די גאסן שוין אנגעפילט. כ'האב אין מיין לעבן ניט געזען אזוי פיל יידן אויף איין ארט. קנאפע פינף הונדערט טויזנט! אויף יעדן ראג טאנצט מען הארא. מע קען זיך קוים אדורכשטופן. יעדער איינער פארמאגט א פלאסטישן קוויטשע-האמער (מיינס א ווארט). אזא שפילעכל וואס מע ניצט צו שלאגן מענטשן איבערן קאפ, און יעדעס מאל לאזט עס ארויס א קוויטש. מילא, אז קינדער שפילן זיך דערמיט איז ניט קיין וווּנדער. נאר זקנים אויך. יידן פון די לאגערן. ספרדישע יידן. סטודענטן. הארעפאשנע ארבעטערס. פראפעסארן. ישיבה-בחורים. אבא אבן איז געגאנגען מיט זיין ווייב. ספעציעל פאפולער זענען מיטליעריקע יידן מיט א גרויסן פליך. זיי כאפן ארייין פון אלע זייטן. מע זינגט. מענטשן זעצן זיך אוועק אין מיטן דער גאס און נעמען זינגען א פריילעכס. פלוצעם שפריצן אויס קאלירן איבערן הימל. דער עולם גאפט און שטוינט ווי ער וואלט קיין מאל קיין פייערווערק ניט געזען. דער ערשטער יום העצמאות פון לעבן. איך ירושלימער גאסן - אונדזערע גאסן. אן פחד פארן מארגן. א, פריידיקע יידן; מיינע יידן! כ'האב געוויינט, כאטקל. לא כל אדם זוכה.

די דאזיקע נאכט בין איך ווייניק געשלאפן. מען האט געהוליעט אין אלע דירות, אין אלע געסלעך. אין עטלעכע ערטער האט מען ארגאניזירט ריזיקע זינגערייען, נאר איך בין צו קיין איינעם ניט דערגאנגען. כ'בין איינגעשלאפן אויפן דיל ביי מיין חבר אין צימער. אויפגעשטאנען זענען מיר 5:30 אין דער פרי כדי צו כאפן גוטע פלעצער פאר דער פאראדע (מיט פינף שעה שפעטער). אוי, איז דאס געווען א טאג! מיט א האלבע שעה שפעטער זענען אלע בעסטע זיצערטער געווען פארנומען. מענטשן האבן איבערגענעכטיקט אויף דער גאס אין שלאפזעק. מיר האבן געזען די פאראדע אין דער אלטער שטאט לעבן שער שכם. אויך מיר האבן שטארק געווירקט די עראפלאנען און די ריזיקע סאוועטישע ראקעטן וואס מען האט פארכאפט אין מידבר סיני. דאס ערשטע פאר זייער שיינקייט (קענסט זיך פארשטעלן א מגן=דוד פון עראפלאנען? מארשאל מעקלוען וואלט משוגע געווארן ווען ער זעט דאס!); דאס צווייטע ווייל כ'האב געטראכט: וואס וואלט געווען טאמער חלילה...

אגרת אוויר
AEROGRAMME

ישראל
ISRAEL
0.40

JERUSALEM

Abraham Ch. Igelfeld
18 Mt. Auburn Street
Cambridge, Mass. 02138
U.S.A.

דואר אוויר
PAR AVION

קפל שלישי

השולח — EXPÉDITEUR — SENDER
הירש-דוד ראסקעס
קרית האוניברסיטה 10/204
שכון סטודנטים ירושלים
Israel

קפל ראשון

אגרת שרושם בה דבר תישלח לפי תעריף של מכתב בדואר אויר
Un aérogramme contenant un objet quelconque sera envoyé au tarif d'une lettre-avion.
An aerogramme containing any enclosure will be sent at airmail-letter rate.

קפל שני

פון שעכטערן א פרבינדלעכן בריוו. ער שרייבט וועגן דיר מיט גרויס ווארעמקייט. ער האט פון מיר געבעטן א קורצן ארטיקל וועגן די לעצטע פארלויפענישן אין פוילן. כ'האב אנגעשריבן אזא עקסטרעמיסטישע ארבעט אז כ'בין זיכער זיי וועלן זי ניט אפדרוקן. יודזשין וועט ניט מסכים זיין. כ'האב זיך ארויסגערעדט פון הארצן און דאס הארץ איז ווייזט אויס, גאנץ פארביטערט קעגן די פאלאקן.

אוודאי ווייס איך אז א רעגירונג איז ניט קיין אמימותדיקער אויסדרוק פון א פאלק. די ישראל-רעגירונג אוודאי און אוודאי ניט. די היגע יוגנט איז גאנץ גלייכגילטיק צו דער פאליטיק. אין זייערע אויגן איז דאס א שפיל פון אלטע פארקראכענע קאריעריסטן. איך גיכן וועט ווערן א קאאליציע פון ביידע צדדים נאר איך מיין אז די רעכטע וועלן מערער פראפיטירן דערפון ווי די פראגרעסיווע. דער בעסטער פאליטיקער אין לאנד איז לוידער א קאמוניסט. ער הייסט פנחס סנה און איז איינער פון די גאר אינטערעסאנטע פערזענלעכקייטן. וואס וועט פארט ווערן מיט די אראבער?

דוד=ריש דבֿ